**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**אויף דעם ערשטן יארטאג פון די מאסן שיסעריי ביי TOPS SUPERMARKET אין באפעלאו, אנאנסירט גאווערנער האקול קרוב צו 10 מיליאן דאלאר צו אדרעסירן קריטישע באדערפענישן פון איסט באפעלאו**

***5 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן איסט באפעלאו היים אייגנטימערשאפט פארבעסערונג פראגראם***

***4 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט צו פארבעסערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס***

***$900,000 ערשטיגע אינוועסטירונג צו טרעפן א פלאץ און דעוועלאפען א פערמאנענטע מאי 14 דענקמאל***

***אנאנס פאלגט נאך [50 מיליאן דאלאר אין געציהלטע אינוועסטירונגען] לעצטע יאר צו אדרעסירן באלדיגע באדערפענישן פון די קאמיוניטי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט קרוב צו 10 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען און גרענטס אלץ טייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די באדערפענישן פון די איסט באפעלאו קאמיוניטי. דער היינטיגער טאג צייכנט אפ דעם ערשטן יארטאג פון די ווייסע ראסיסטישע טערארר אטאקע ביי דעם Tops Supermarket אין באפעלאו אום מאי 14, 2022.

"איין יאר נאך די שרעקליכע אטאקע ביי דעם Tops Supermarket בלייבט אונזער איבערגעגעבנקייט צו איסט באפעלאו פעלזן פעסט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי קאמיוניטי מיטגלידער זעצן פאר זיך צו ערהוילן פון די אטאקע, זענען מיר גאר דאנקבאר פאר די שטיצע פון SAMHSA צו פארברייטערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אין די קאמיוניטי. אנגעהויבן פון שטיצע פאר די מאי 14 דענקמאל ביז נאך געלטער פאר היים פארררעכטונגען הילף — וועלן מיר פארזעצן צו שטיצן איסט באפעלאו וויאזוי מיר קענען נאר."

די אנאנס פון קרוב צו 10 מיליאן דאלאר פאלגט נאך די 50 מיליאן דאלאר אין געציהלטע אינוועסטירונגען וואס גאווערנער האקול האט [אנאנסירט] אין יוני 2022 צו אדרעסירן די באלדיגע באדערפענישן פון די קאמיוניטי.

די פינאנצירונג רעכנט אריין:

- **5 מיליאן דאלאר** צו פארברייטערן דעם ערפאלגרייכן איסט באפעלאו היים אייגנטימערשאפט פארבעסערונג פראגראם (Buffalo East Homeowner Improvement Program, BEHIP)

נאך די ערשטיגע 34.5 מיליאן דאלאר וועלכע זענען אנאנסירט געווארן פאר היים אייגנטומער אינוועסטירונגען. דער פראגראם וועט פארזעצן צו ארויסהעלפן קוואליפיצירנדע היים אייגנטימער אין איסט באפעלאו מיט עמערדזשענסי היים פאררעכטונגען, אריינרעכענענדיג מיט זאכן וואס פארלעצן געביידע געזעצן און גרויסארטיגע סיסטעם פאררעכטונגען.

- א **4 מיליאן דאלארדיגע** פעדעראלע גרענט פון די דראג אביוז און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אדמיניסטראציע ( Substance Abuse and Mental Health Services Administration, SAMHSA) צו פארבעסערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אין די איסט באפעלאו קאמיוניטי.
- **$900,000** אין ערשטיגע אינוועסטירונג צו שטיצן די אויסוואהל פון א לאקציע און די דעוועלאפּמענט פון א פערמאנענטע מאי 14 דענקמאל וואס ווערט פלאנירט דורך די מאי 14 דענקמאל קאמיסיע (May 14th Memorial Commission) וואס גאווערנער האקול און מעיאר בייראן בראון האבן [אנאנסירט](#) אין אקטאבער 2022.

די 4 מיליאן דאלארדיגע SAMHSA גרענט קומט פון די 'פעסטקייט אין קאמיוניטיס נאך סטרעס און טראומע' (Resiliency in Communities After Stress and Trauma, ReCAST) גרענט פראגראם וואס העלפט ארויס וואקלדיגע יונגווארג און פאמיליעס און פארשטערקערט די פעסטקייט און גלייכקייט מיט אויפגעוויזענע פראגראמען צו פארמיידן געוואלדטאטן און צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי יונגווארג. ReCAST העלפט אויך פארבינדן מענטשן וועלכע זענען אין טראומע פון געשעענישן אין זייערע לעבנס און נויטיגן זיך אין באהאנדלונג צו אנקומען צו טראומע-צענטרירטע אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס.

ניו יארק סטעיט'ס אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) וועט נוצן די ReCAST גרענט צו שטיצן א גרופע פון פארשידנארטיגע פארמישטע פארטייען אין די קאמיוניטי צו אנטוויקלען פראגראמען וועלכע זענען צענטרירט ארום ערהוילונג און אזוי אויך טראומע-צענטרירטע און גלייכקייט-באזירטע אויפפירונג געזונטהייט און וואוילזיין. די ReCAST גרענט וועט גענוצט ווערן לויט אן אפשאצונג פון די באדערפענישן און א פלאן וואס וועט געטריבן ווערן דורך די קאמיוניטי אליין. די גרענט וועט פינאנצירן עטליכע פראגראמען:

- א טונקל-הויטיגע גייסטישע געזונטהייט אפרופונג מאנשאפט ( Black Mental Health Response Team) אנגעפירט דורך BestSelf Behavioral Health וועט פארזעצן צו ארבעטן מיט יונגווארג און פאמיליעס אין די איסט סייד;
- University Psychiatric Practice אין צוזאמענארבעט מיט SayYes Buffalo און די באפעלאו פובליק סקולס וועט צושטעלן קלינישע שטיצע פאר שילער/ינס וועלכע מוטשענען זיך מיט קאמיוניטי טראומע און אזוי אויך טרעינירונג פאר מחנכים/ות;
- באפעלאו קאמיוניטי נישט-טראדיציאנאלע גייסטישע וואוילזיין פראגראמען וועלן פארזעצן זיך צו קאנצענטרירן אויפן רעספעקטירן און ארייננבויען טונקל-הויטיגע/אפריקאנע-אמעריקאנע טראדיציעס און קולטור צו ארייננרעכענען קונסט-באזירטע טעראפיעס, ארבעטנדיג צוזאמען מיט לאקאלע געבעט הייזער און גייסטליכע היילונגס מיטלען.

פריער דעם יאר האט די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט באקומען א 2.35 מיליאן דאלארדיגע SAMHSA עמערדזשענסי אפרופונג גרענט וואס איז פארטיילט געווארן צווישן לאקאלע קאמיוניטי ארגאניזאציעס אין באפעלאו'ס איסט סייד וועלכע שטעלן צו א רייע פון גייסטישע געזונטהייט מיטלען צו העלפן איינוואוינער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די ראסיסטישע שיסעריי וואס האט אוועקגענומען די לעבנס פון צען מענטשן לעצטע יאר.

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "די פיין און ווייטאג וואס זענען פאראורזאכט געווארן דורך א טראגישע שיסעריי בלייבן איבער לאנג נאך די טראומאטישע געשעעניש קומט פאר. די מורא און געפילן פון הילפסלאזיגקייט קענען זיין שרעקליך. די ארבעט וואס מיר טוהען מיט אונזערע שותפים אין די קאמיוניטי צו צושטעלן פארלייכטערונג פאר די איינוואוינער, און די געלטער פון SAMHSA, וועלן אונז העלפן צושטעלן נאך מער שטיצע פאר די מענטשן פון באפעלאו."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאָק שומער האט געזאגט,** "עס זענען באמת נישטא קיין ווערטער וואס קענען שילדערן די שוידערליכע פארלוסט וואס די גאנצע באפעלאו קאמיוניטי איז אריבער איין יאר צוריק, ווען צען פון זייערע אייגענע מענטשן זענען זינלאזערהייט דערמארדעט געווארן בלויז צוליב די קאליר פון זייער הויט. אבער טראץ די טראגעדיע האט די איסט סייד קאמיוניטי זיך צוריק אויפגעהויבן מיט ווידערשטאנד און פירערשאפט, און מיר האבן געארבעט זינט דאן צו ברענגען מיליאנען דירעקט צו די איסט סייד, אנגעהויבן פון באקעמפן עסן אומזיכערהייט און ביזן טרענירן ארבייטער פאר שיין-באצאלטע מעניופעקטשורינג קאריערעס. אבער אונזער ארבעט האט זיך בלויז אנגעהויבן — באפעלאו'ס איסט סייד איז אין נויט פון עכטע אינוועסטירונג זיך צו אויסהיילן און זיך צו אויפבויען פאר די צוקונפט. די קרוב צו 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וועט פארזיכערן אז די איסט סייד קאמיוניטי האט צוטריט צו בעסערע גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס, א היים אייגנטומערשאפט פארבעסערונג פראגראם פון די ערשטע קלאס און א דענקמאל וואס וועט שטיין אלץ אן אייביגעג דערמאנונג פון די פארלוסטן וואס מיר זענען אריבער איין יאר צוריק. צוזאמען האבן מיר געארבעט זיך צו קעגנשטעלן קעגן די טראגישע געשעעניש מיט געוואלדיגע פעסטקייט, און איך וועל שטיין מיט גאווערנער האקול, אונזערע קאמיוניטי פירער און די בראווע פאמיליעס יעדע טריט לענגאויס די וועג צו בויען א זיכערערע און גלייכערע באפעלאו פאר יעדן."

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** "איין יאר צוריק האט זיך אלעס געטוישט. אונזער קאמיוניטי איז געציהלט געווארן און אונזערע שכנים און פריינט זענען דערהרג'עט געווארן. די קאנצענטראציע זעט פאר צו זיין צו צוריק אויפבויען איסט באפעלאו און צו אויסהיילן די טיפע עמאציאנאלע וואונדן."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "איין יאר נאך די מאסן שיסעריי אויף Jefferson איז אונזער ווייטאג נאך די זעלבע שווער צו אויסהאלטן. כאטש די וועג פון היילונג קוקט אויס אנדערש פאר יעדן איינעם, דאך זעצן מיר פאר צו מחזק זיין איינער דעם אנדערן, אריינרעכענענדיג דורך געציהלטע אינוועסטירונג און צוזאמענארבעט וואס שטיצט דירעקט מינאריטעט קאמיוניטיס און די איסט סייד פון באפעלאו בכלל. אזוי ווי מיר געדענקען די 10 לעבנס וועלכע זענען געגנב'ט געווארן פון אונז אויף דעם טאג, פארשפרעכן מיר צו אויפבויען א בעסערע און מער אריינגעמיגע צוקונפט אין זייער אנדענק, און די אנאנס בויט ארויף אויף די פארשפרעך."

**מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "מוטער'ס טאג טראגט מיט זיך א שווערערע וואגע היי יאר אזוי ווי פילע פאמיליעס געדענקען און באעהרן זייער מאמע און זייערע באליבטע וועלכע זענען זינלאזערהייט פארלוירן געווארן צו ראסיזם איין יאר צוריק. מיר זעצן פאר צו שיקן ליבשאפט און שטיצע פאר די פאמיליעס פון די קורבנות, די ארטיגע איינוואוינער און די איבערלעבער אזוי ווי זיי זוכן א טרייסט. צום באדויער האט א טראגעדיע געדארפט פארקומען כדי פילע מענטשן זאלן אנערקענען און אונטערנעמען שריט קעגן די עקזיסטירנדע אומגלייכקייטן וועלכע זענען שוין געווארן א לעבן'ס שטייגער פאר מיינע מענטשן. גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע זענען געווען א קריטישע שותף, זיך אנשליסנדיג מיט די איסט סייד פון באפעלאו'ס געמיינזאמע שתדלנות באמיאונגען פאר גלייכקייט, פארשטייענדיג אז עס וועט נעמען נאך אסאך מער אינוועסטירונג צו ארומדרייען צענדליגע יארן פון 'רעדליינינג', נישט געגוג אינוועסטירונג און פארעלטערונג וואס עס איז שוין אריבער. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג פון סטעיט מיטלען און פאר איר אנגייענדע שטיצע אזוי ווי אונזער קאמיוניטי היילט זיך אויס פון די אקט פון האס."

**באפעלאו מעיאר בייראן בראון האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זעצן פאר צוריקצוקוקן אויף די יארטאג פון די ראסיסטישע מאסן שיסעריי וואס האט איפגעשאקלט אונזער קאמיוניטי, מוזן מיר פארזיכערן אז מיטלען ווערן גענוצט מיט די כוונה צו פארבעסערן די לעבנס פון טונקל-הויטיגע איינוואוינער און זיך צו שטארקן איבער די היסטארישע אומגלייכקייטן אין איסט באפעלאו. די וויכטיגע אינוועסטירונגען אין היים פאררעכטונגען און אזוי אויך צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס זענען קריטיש צו ערמעגליכן פאר טונקל-הויטיגע איינוואוינער צו פארבעסערן זייער עקאנאמישע צושטאנד. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן שטיין מיט אונזער שטאט און פאר איר שטארקע שטיצע אזוי ווי מיר זעצן פאר זיך צו ערהוילן און זיך אויסהיילן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן